# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................8:13
מוצאי שב"ק...................9:44

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...................דניאל י"א-י"ב
בבלי......................יבמות ק"י
ירושלמי...............שבועות מ'
תוספתא..................טהרות א'
רמב"ם....................מקואות ג'

פרשת שלח, כ"ו סיון, מברכים חודש תמוז, אבות פרק ג', שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 11, גליון 43 (558)

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**לֹא נוּכַל לַעֲלוֹת אֶל הָעָם כִּי חָזָק הוּא מִמֶּנּוּ**, דִי מְרַגְלִים הָאבְּן גֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן, מִיר וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען גֵיין אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וַוייל דִי גוֹיִם זֶענֶען שְׁטֶערְקֶער. זָאגְט רַשִׁ"י אַז זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיךְ נִישְׁט קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן מִיט זֵיי, רַחֲמָנָא לִיצְלָן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן נ"ח) אַז עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מֵיינֶען אַז אַ צַדִיק וָואס אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרָאפּ לָאזְן צוּ דִי וֶועלְטְלִיכֶע זַאכְן, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָא אוֹיף דִי גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע וֶועלְט, וַוייל עֶר אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן גַשְׁמִיוּת. דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער נִישְׁט אַזוֹי, פַּארְקֶערְט, וִוי גְרֶעסֶער דֶער צַדִיק אִיז, אַלְץ מֶער וֵוייסְט עֶר וָואס עֶס טוּט זִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס עֶר אִיז דָאךְ דֶער גְרֶעסְטֶער וָואס אִיז נָאר שַׁיָיךְ, גְרֶעסֶער אוּן הֶעכֶער פוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן פִירְט עֶר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָחָה פְּרָטִית.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער פְּגַם פוּן דִי מְרַגְלִים, זֵיי הָאבְּן גֶעטְרַאכְט אַז דָא וֶוען מֶען אִיז אִין מִדְבָּר, פִירְט טַאקֶע דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִי אִידְן שֶׁלֹא כְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, מֶען גֵייט מִיט וָואלְקֶענֶעס, מֶען עֶסְט מָן פוּן הִימְל, מֶען טְרִינְקְט פוּנֶעם שְׁטֵיין, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אָבֶּער דָארְט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז פוּל מִיט גוֹיִם, אַלֶעס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס פִירְט זִיךְ בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע, הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרָאפְּלָאזְן דָארְט אִין אַזַא מַצָב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז צוּ גְרוֹיס זִיךְ אַרָאפּ צוּ לָאזְן דָארְט.

דָאס אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען זֵייעֶר טָעוּת. פַּארְקֶערְט, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, לָאזְט עֶר זִיךְ אַרָאפּ צוּ דִי וֶועלְט, אוּן עֶר פִירְט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס פַּאסִירְט אוֹיף דִי וֶועלְט קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט טַאקֶע אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַז דִי גוֹיִם אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זָאלְן זַיין פַארְנוּמֶען צוּ בַאעֶרְדִיגְן זֵייעֶרֶע טוֹיטֶע, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי מְרַגְלִים, אָבֶּער דִי מְרַגְלִים הָאבְּן אַלֶעס אוֹיסְגֶעדְרֵייט צוּ שְׁלֶעכְטְס.

דִי מְרַגְלִים הָאבְּן גֶעזָאגְט, **וְשָׁם רָאִינוּ אֶת הַנְּפִילִים**, זָאגְט רַשִׁ"י אַז דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען דִי קִינְדֶער פוּן דִי מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען אַרָאפּ גֶעפַאלְן פוּן הִימְל, וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מַלְאָכִים וָואס הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל נִישְׁט בַּאשַׁאפְן דֶעם מֶענְטְשׁ וַוייל עֶר וֶועט זִינְדִיגְן, הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֵיי גֶעזָאגְט: "אוּמְזִיסְט וֶוער אִיךְ אָנְגֶערוּפְן רַחוּם וְחַנוּן? אוֹיב זֵיי וֶועלְן זִינְדִיגְן וֶועלְן זֵיי תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אִיךְ וֶועל זֵיי צוּרִיק נֶעמֶען", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרָאפּ גֶעשִׁיקְט דִי מַלְאָכִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, צוּ זֶען אוֹיב זֵיי וֶוען זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוּן לְמַעֲשֶׂה הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן, זֵיי הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט.

דָאס הָאבְּן דִי מְרַגְלִים גֶעזֶעהְן דִי נְפִילִים, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז אֲפִילוּ דִי מַלְאָכִים הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי אַזוֹי וֶועלְן זִיךְ דִי אִידְן קֶענֶען דָארְט דֶערְהַאלְטְן אִין אַזַא גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע וֶועלְט, זֵיי הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט גֶעוְואוּסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ גְרֶעסֶערֶע כֹּחַ פוּן אַ מַלְאָךְ, עֶר קֶען זִיךְ יָא דֶערְהַאלְטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוֹיב מֶען זִינְדִיגְט קֶען מֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - דֶער רַחוּם וְחַנוּן - נֶעמְט יֶעדְן אָן.
(תּוֹךְ הַנַּחַל שְׁלַח תש"ס)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### רֶעג זִיךְ נִישְׁט

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט אִין מִשְׁלֵי (ט"ז, ל"ב) "טוֹב אֶרֶךְ אַפַּיִם מִגִּבּוֹר וּמֹשֵׁל בְּרוּחוֹ מִלֹּכֵד עִיר", אֵיינֶער וָואס קֶען זִיךְ אַיינְהַאלְטְן אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אִיז בֶּעסֶער פוּן אַ גִבּוֹר; אוּן דֶער וָואס קֶען גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין אַ כַּעַס, אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן דֶעם וָואס נֶעמְט אַיין אַ גַאנְצֶע שְׁטָאט.

אוֹיף דֶעם פָּסוּק זָאגְן אוּנְז חֲזַ"ל (אָבוֹת ד', א') "אֵיזֶהוּ גִבּוֹר? הַכּוֹבֵשׁ אֶת יִצְרוֹ", וֶוער אִיז דֶער רִיכְטִיגֶער גִבּוֹר, וָואס פַּאסְט מֶען זָאל אִים אוֹיסְלוֹיבְּן אוֹיף זַיין גְבוּרָה? דֶער וָואס קֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיינֶע נַאטוּרְן, אוּן נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס אֲפִילוּ וֶוען מֶען רֶעגְט אִים אוֹיף.

נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס גֵייט נִישְׁט דוּרְךְ יֶעדְן טָאג אַ גֶעוִויסֶע צָרָה, אַן עַגְמַת נֶפֶשׁ, עֶפֶּעס יִסוּרִים; יֶעדְן טָאג קוּמֶען אוּנְטֶער פְּרִישֶׁע פַּאסִירוּנְגֶען וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעוֶוען פְרִיעֶר, יֶעדְן טָאג הָאט מֶען צוּ טוּן מִיט אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן אַלְץ זֶענֶען דָא גֶענוּג אוּן נָאךְ סִיבּוֹת וָואס זָאלְן מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיפְגֶערֶעגְט.

פוּן נַאטוּר אוֹיס וֶועט אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן יֶעדְן
<<<<<<

## א גוט ווארט

דִי זַאךְ פוּן תְּפִילָה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק; וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ זַאךְ, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס אַז דִי זַאךְ וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשֶׁען, אָדֶער מֶען בֶּעט אוֹיף אַ גֶעוִויסֶע מִידָה, מֶען וִויל זִיךְ טוּישְׁן, מֶען וִויל זַיין בֶּעסֶער אוּן דִי מַחְשָׁבוֹת זָאגְן 'בֶּעט נִישְׁט, וַוייל עֶכְט ווִילְסְטוּ נִישְׁט זַיין גוּט, דוּ זָאגְסְט עֶס נָאר, אָבֶּער עֶכְט ווִילְסְטוּ נִישְׁט'; אוֹיב מֶען שְׁפְּרִינְגְט אִיבֶּער דִי מַחְשָׁבוֹת, מֶען בֶּעט יָא פַאר דֶעם, מֶען בֶּעט צוּ זַיין אַ צַדִיק, אֲפִילוּ מֶען וִויל נָאכְנִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק, אָבֶּער בַּיים סוֹף פּוֹעֶלְ'ט מֶען, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דִי זַאכְן אוֹיף וָואס מֶען הָאט גֶעבֶּעטְן.

אַז דוּ ווִילְסְט שֶׁפַע, עֶס זָאל זִיךְ גִיסְן שֶׁפַע, דוּ זָאלְסְט הָאבְּן בְּרֶיוַח, נִישְׁט בְּצִמְצוּם, זָאלְסְטוּ הִיטְן דַיינֶע אוֹיגְן, אַז מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן, קוּמְט שֶׁפַע. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קמה, טו): "עֵינֵי כֹל אֵלֶיךָ יְשַׂבֵּרוּ, וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ", 'יְשַׂבֵּרוּ' – קֶען מֶען לֵיינֶען מִיט אַ שִׁין 'יְשַׁבֵּרוּ', אַ לָשׁוֹן פוּן שְׁבִירָה, דֶעמָאלְט "וְאַתָּה נוֹתֵן לָהֶם אֶת אָכְלָם בְּעִתּוֹ" – קוּמְט שְׁפַּייז אִין צַייט.

עֶס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע נִסָיוֹן זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, אָבֶּער עֶס לוֹינְט זִיךְ, מֶען הָאט אַלֶעס אִין לֶעבְּן; מֶען הָאט אֱמוּנָה, שִׂמְחָה, צוּפְרִידְנְקֵייט, שָׁלוֹם בַּיִת, גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער, מְנוּחָה אוּן יִשּׁוּב הַדַעַת.
(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נָשֹׂא תשפ"ב)

# וִוי אַזוֹי קֶען אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע פִּירְן דִי שְׁטוּבּ רִיכְטִיג?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי הֶערְלִיכֶע וִויכְטִיגֶע שִׁיעוּרִים, עֶס הָאט מִיר מַמָשׁ גֶערַאטֶעוֶועט מַיין לֶעבְּן, אָבֶּער וֶוען אִיךְ הֶער דִי שִׁיעוּרִים וִוי אַזוֹי אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע דַארְף פִירְן אַ שְׁטוּבּ, עֶס הַאלְטְן רֵיין אוּן מְסוּדָר, גֵייט עֶס מִיר נִישְׁט, וְוִיפְל אִיךְ פְּרוּבִּיר צוּ הַאלְטְן סֵדֶר אִין שְׁטוּבּ, הַאלְט עֶס אָן נָאר פַאר אַפָּאר טֶעג, אוּן דֶערְנָאךְ פְּלַאצְט עֶס, דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ גֵייט אוֹיף רֶעדֶער, אוּן אִיךְ וֶוער זֵייעֶר צוּבְּרָאכְן פוּן דֶעם, אִיךְ הוֹיבּ אָן טְרַאכְטְן אַז פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְן אוּן אִיךְ טוֹיג צוּ גָארְנִישְׁט, וָואס אִיךְ פְּרוּבִּיר נָאר צוּ טוּן, הַאלְט עֶס נִישְׁט אָן מֶער וִוי פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ אִיז אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעקֶערְט, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין פִּינְטְל יִשּׁוּב הַדַעַת צוּ דִי קִינְדֶער, אוּן אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פָּשׁוּט פוּן מַיין מַאן, אִיךְ הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אִים אַז עֶר הָאט אַזַא אוּמְבַּאפָּארֶעטֶע פְרוֹי.

אִיךְ וֶועל זִיךְ שְׁטַארְק פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן אַן עֵצָה, אוּן אַ תְּפִילָה, אוֹיף דֶעם. יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"ז סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לב:): "אַרְבָּעָה צְרִיכִין חִזּוּק", אוֹיף פִיר זַאכְן דַארְף מֶען כְּסֵדֶר חִיזּוּק, "וְאֵלּוּ הֵן, תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים", מֶען דַארְף חִיזּוּק צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן צוּ טוּן גוּטֶע זַאכְן, "תְּפִלָּה וְדֶרֶךְ אֶרֶץ", מֶען דַארְף חִיזּוּק אוֹיף תְּפִילָה אוּן אוֹיף דֶרֶךְ אֶרֶץ; דֶרֶךְ אֶרֶץ מֵיינְט אַרְבֶּעט וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אַן אַרְבֶּעטֶער וָואס אַרְבֶּעט - דַארְף חִיזּוּק צוּ גֵיין אַרְבֶּעטְן, אַ סוֹחֵר וָואס קוֹיפְט אוּן פַארְקוֹיפְט סְחוֹרָה - דַארְף חִיזּוּק צוּ קוֹיפְן אוּן פַארְקוֹיפְן זַיינֶע סְחוֹרָה; אַזוֹי אוֹיךְ אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי, אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע - דַארְף חִיזּוּק אָנְצוּגֵיין מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט.

מֵיינְט נִישְׁט אַז נָאר אִיר דַארְפְט חִיזּוּק; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - עֶר אִיז דָאךְ גֶעוֶועז אַזוֹי גְרוֹיס, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וִוי גְרוֹיס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען - הָאט אוֹיךְ גֶעוַוארְט אוֹיף חִיזּוּק. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח): "שָׁמַעְנוּ מִצַּדִּיק אֲמִתִּי שֶׁאָמַר", אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אַן אֱמֶת'ן צַדִּיק וָואס הָאט גֶעזָאגְט (מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּן מוֹהֲרָא"ש אַז דָאס אִיז דֶער רֶבִּי אַלֵיינְס): "שֶׁאִלּוּ הָיָה אוֹמֵר לוֹ אֶחָד, יִהְיֶה מִי שֶׁיִּהְיֶה", אוֹיבּ וָואלְט עֶר גֶעהַאט אֵיינֶעם, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוער דֶער מֶענְטְשׁ אִיז, וָואס זָאל אִים זָאגְן, "בְּעֵת שֶׁעָסַק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּתְחִלָּתוֹ", וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אָחִי", בְּרוּדֶער, "חֲזַק", שְׁטַארְק זִיךְ, "וֶאֱחֹז עַצְמְךָ", אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ, "הָיִיתִי רָץ וּמִזְדָּרֵז מְאֹד בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ", וָואלְט אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ טוּן אַסַאךְ מֶער אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, "כִּי גַּם עָלָיו עָבַר כָּל הַנַּ"ל", וַוייל אוֹיף אִים אִיז אוֹיךְ אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, "וְלֹא הָיָה שׁוֹמֵעַ שׁוּם הִתְחַזְּקוּת מִשּׁוּם אָדָם", עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעשְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ וִוי קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, אוּן קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קַיין שׁוּם חִיזּוּק וֶוערְטֶער.

עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיסְצוּהֶערְן שִׁיעוּרִים פוּן חִיזּוּק, יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף חִיזּוּק; בִּפְרַט אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן - זֵיי דַארְפְן דָאס מֶערְסְטֶע חִיזּוּק, וַוייל זֵיי זֶענֶען עוֹסֵק אִין אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי וֶועלְט. דִי וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן, זֵיי זֶענֶען פַארְנוּמֶען מִיט דִי קִינְדֶער, עֶס לִיגְט אוֹיף זֵיי דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט פוּן בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אוּן זֵיי אוֹיפְהָאדֶעוֶוען, נִישְׁט אוּמְזִיסְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מֶען זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן דִי וַוייבּ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד): "הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם", דִי פְרוֹיעֶן הָאבְּן דָאךְ אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע וֵוייטָאג פוּן דִי קִינְדֶער, "צַעַר הָעִבּוּר, וְהַלֵּדָה, וְהַגִּדּוּל", זֵיי לַיידְן בַּיים וַוארְטְן וְכוּ', בַּיים גֶעבּוֹירְן וְכוּ' אוּן בַּיים אוֹיפְצִיעֶן, "כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם", אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בַּאקַאנְט פַאר אַלֶעמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן.

אוֹיבּ עֶס אִיז אַייךְ שְׁוֶוער דִי אַרְבֶּעט - זָאלְט אִיר מַאכְן אַבִּיסְל, מֶען דַארְף נִישְׁט מַאכְן אַלֶעס אוֹיף אֵיין מָאל, מֶען מַאכְט אַבִּיסְל דָא אַבִּיסְל דָארְט, מֶען בֶּעט דֶעם מַאן זָאל אַרוֹיסְהֶעלְפְן, בֵּיידֶע אִינְאֵיינֶעם אִיז גְרִינְגֶער. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (קֹהֶלֶת ד, ט): "טוֹבִים הַשְּׁנַיִם מִן הָאֶחָד", עֶס אִיז בֶּעסֶער צְוֵויי אִינְאֵיינֶעם וִוי אַלֵיינְס; אֵיינֶער אַלֵיינְס פַאלְט פוּן דִי כּוֹחוֹת, אִינְאֵיינֶעם מִיט'ן מַאן - וֶועט אַייךְ זַיין גְרִינְגֶער.

בְּשַׁעַת אִיר מַאכְט דִי אַרְבֶּעט - זָאלְט אִיר רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֶעבְּט כֹּחַ, עֶס מַאכְט גְרִינְג. אֱמוּנָה גֶעבְּט כֹּחַ, אֱמוּנָה מַאכְט תְּחִיַּית הַמֵּתִים; אַזוֹי וִוי מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין אֵיין טְרָאפּ כֹּחַ, מֶען לִיגְט וִוי אַ טוֹיטֶער, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט רִירְן, וִוי נָאר מֶען הוֹיבְּט אָן טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט מֶען לֶעבֶּעדִיג.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּהַעֲלוֹתְךָ תשפ"ב)

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

טָאג פוּן פְּרִישׁ, אֵיינֶער מֶער אוּן אַ צְוֵוייטֶער וֵוייניגֶער, אָבֶּער אַלֶעמָאל וֶועט דֶער מֶענְטְשׁ הָאבְּן רִיכְטִיגֶע אוּן אֱמֶת'ע תֵּירוּצִים פַארְוָואס זִיךְ אוֹיפְצוּרֶעגְן. אַמָאל אוֹיף דִי וַוייבּ, אַמָאל אוֹיף דִי קִינְדֶער, אוּן אַמָאל אוֹיף אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן אַרוּם אוּן אַרוּם, עֶס פֶעלְט נִישְׁט קַיין מֶענְטְשְׁן אוּן סִיבּוֹת וָואס זָאלְן מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ נֶערְוֶועז אוּן אָנְגֶעצוֹיגְן, אוּן אִים אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין כַּעַס. בִּיז עֶס קֶען גֵיין אַזוֹי וַוייט אַז מֶען זָאל אַרַיינְגֵיין מַמָשׁ אִין אַ רְצִיחָה, שְׁרֵייעֶן אוּן קְוִויטְשֶׁען, אָנְשְׁרֶעקְן יֶעדְן וָואס שְׁטֵייט דֶערְנֶעבְּן, אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן מַמָשׁ צִיטֶערְן זִיךְ צוּ גֶעפוּנֶען אִין זַיינֶע ד' אַמּוֹת.

דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי וֶועגְן וָואס פִירְט צוּ אַ דוּרְכְפַאל אִין לֶעבְּן. עֶס אִיז דָא אַ מַאֲמַר הֶחָכָם, "אוֹיבּ קֶענְסְטוּ נִישְׁט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע כַּעַס, קֶענְסְטוּ זִיכֶער נִישְׁט גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף יֶענֶעם", אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ רֶעגְן אוֹיף יֶענֶעם, שְׁרֵייעֶן מִיט כַּעַס אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, וֶועט עֶר מִיט דֶעם קֶענֶען יֶענֶעם בַּאזִיגְן; דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז מִיט כַּעַס אוּן רְצִיחָה קוּמְט מֶען נִישְׁט אָן אִין עֶרְגֶעץ, מֶען קֶען נִישְׁט בֵּייקוּמֶען אַ צְוֵוייטְן מִיט כֹּחַ. דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג מַצְלִיחַ צוּ זַיין זִיךְ דוּרְכְצוּקוּמֶען מִיט סַיי וֶועמֶען אִיז נָאר דוּרְךְ אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד, וִוי נָאר מֶען פַאלְט אַרַיין אִין כַּעַס אוּן מֶען וֶוערְט אוֹיפְגֶערֶעגְט, הָאט מֶען שׁוֹין פַארְלוֹירְן דֶעם קַאמְף; מֶען פַארְלִירְט בֵּיידֶע זַייטְן, סַיי פַאר זִיךְ אַלֵיין הָאט מֶען פַארְלוֹירְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט אַזוֹי מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, וַוייל מֶען אִיז אַלֶץ פַארְנוּמֶען צוּ זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיף יֶענֶעם, מֶען אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט רוֹישִׁיגֶע כַּעַס'יגֶע גֶעפִילְן אוּן מֶען קֶען נִישְׁט טְרַאכְטְן מִיט אַ גְלַייכְן קָאפּ, אוּן סַיי מִיט יֶענֶעם פַארְלִירְט מֶען אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט דוּרְכְקוּמֶען מִיט קֵיינֶעם.

וֶוען אַ אִיד נֶעמְט אִין זִיךְ אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן גְלוֹיבְּט אַז אַלֶעס פִירְט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, עֶר הַאלְט שְׁטֶענְדִיג פַאר דִי אוֹיגְן אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא פוּן וֶועמֶען מוֹרָא צוּ הָאבְּן, קֵיינֶער קֶען מִיר נִישְׁט גוּטְס טוּן אָדֶער שְׁלֶעכְטְס טוּן אָן רְשׁוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזַא מֶענְטְשׁ הָאט אַלֶץ סַבְלָנוּת, עֶר וַוארְט מִיט גֶעדוּלְד, עֶר רֶעגְט זִיךְ נִישְׁט, עֶר שְׁרֵייט נִישְׁט, עֶר שֶׁעלְט נִישְׁט, עֶר בֶּעט נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַארְלָאזְט זִיךְ נָאר אוֹיף אִים; אוּן כָאטְשׁ אִין אָנְהוֹיבּ קֶען אוֹיסְזֶען וִוי יֶעדֶער אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אִים, יֶעדֶער בַּאזִיגְט אִים, אוּן עֶר דַארְף זִיצְן אַיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי זַייט מִיט סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד, אָבֶּער צוּם סוֹף שְׁטֶעלְט זִיךְ אַרוֹיס אַז עֶר אִיז בֵּייגֶעקוּמֶען יֶעדְן אֵיינֶעם, יֶעדֶער וואוּנְדֶערְט זִיךְ וִוי אַזוֹי עֶר הָאט פְּלוּצְלִינְג צוּם סוֹף גֶעוואוּנֶען, דָאס אַלֶעס קוּמְט פוּן זַיין שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אוּן סַבְלָנוּת.

אַ חָכָם הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "נִישְׁטָא נָאךְ אַזַא שְׁטַארְקֶע גְבוּרָה, וִוי זִיךְ צוּ קֶענֶען אַיינְהַאלְטְן", דִי מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג זִיךְ אַיינְצוּהַאנְדְלֶען אִין לֶעבְּן, עֶס אִיז כִּמְעַט נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ הָאבְּן הַצְלָחָה אָן דֶעם, וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ הָאט גֶעדוּלְד, וִוי מֶער אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט אַיין זַיין כַּעַס, אַלְץ מֶער אִיז עֶר מַצְלִיחַ אִין לֶעבְּן.

נָאךְ אַ מַאֲמַר אִיז דָא פוּנֶעם חָכָם, "אַ גֶעדוּלְדִיגֶער מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן אַסַאךְ הֶעלְפֶערְס", קֵיינֶער זוּכְט נִישְׁט צוּ הֶעלְפְן אַ גֶערֶעגְטֶער מֶענְטְשׁ, מֶען וויל נִיטְאַמָאל שְׁטֵיין נֶעבְּן אִים, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אָבֶּער אֲרִיכוּת אַפַּיִם, אֲפִילוּ וֶוען עֶס קוּמְט זִיךְ אוֹיפְצוּרֶעגְן, וֶועט עֶר זִיךְ אַיינְהַאלְטְן אוּן וַוארְטְן מִיט סַבְלָנוּת, וֶועט אִים יֶעדֶער לִיבּ הָאבְּן, אוּן יֶעדֶער וֶועט אִים שְׁטֵיין צוּ דִי הַאנְט, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר פִיל שֶׁענֶער מַצְלִיחַ זַיין.

נָאךְ זָאגְט דֶער חָכָם, "מִיט גֶעדוּלְד, וֶועסְטוּ הָאבְּן רוּאִיגְקֵייט", אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וִויל הָאבְּן אַ רוּאִיג לֶעבְּן, מוּז עֶר זִיךְ אַיינְקוֹיפְן דִי מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת, דָאס וֶועט אִים גֶעבְּן יִשּׁוּב הַדַעַת אוּן שַׁלְוַת הַנֶּפֶשׁ. "וֶוער עֶס קֶען זִיךְ נִישְׁט אַיינְהַאלְטְן פוּן כַּעַס, אִיז זַיין שֵׂכֶל נִישְׁט מְסוּדָר אִינְגַאנְצְן", אֵיינֶער וָואס הָאט אַ קְלָארֶע שֵׂכֶל, עֶר טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען עֶר זִיךְ אַיינְהַאלְטְן אוּן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, עֶר וֵוייסְט אַז דִי זַאכְן וָואס רֶעגְן אִים אוֹיף אִיז נָאר אַ נִסָּיוֹן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְטֶערְגֶעשְׁטֶעלְט צוּ זֶען אוֹיבּ עֶר וֶועט זִיךְ קֶענֶען הַאלְטְן אִין דִי רַאמֶען אוּן נִישְׁט אַרַיינְפַאלְן אִין כַּעַס. "גֶעדוּלְד בְּרֶענְגְט הַצְלָחָה, כַּעַס בְּרֶענְגְט חֲרָטָה".

לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ קְלָארֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה, לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן אַלְץ גֶעדֶענְקֶען אַז נָאר עֶר אַלֵיין פִירְט אַלֶעס, אוּן אַזוֹי וֶועלְן מִיר זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, מִיר וֶועלְן זַיין רוּאִיגֶע אוּן צוּפְרִידֶענֶע מֶענְטְשְׁן אַלֶעמָאל; אֲפִילוּ וֶוען עֶס וֶועט אוּנְז גֵיין שְׁוֶוער, מִיר וֶועלְן הָאבְּן צוּטוּן מִיט שְׁוֶוערֶע מֶענְטְשְׁן, מִיר וֶועלְן זִיךְ טְרֶעפְן אִין שְׁוֶוערֶע מַצָּבִים, וֶועלְן מִיר זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, מִיר וֶועלְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אוּן דָאס וֶועט אוּנְז בְּרֶענְגֶען דִי שֶׁענְסְטֶע אוּן בֶּעסְטֶע הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן.

(קוּנְטְרֵס זַיי מַצְלִיחַ)

<<<<< נייעס

נעמען דעם וועג דורך מאלדאווא וואס נעמט בערך 7 שעה מיט א קאר. אויב וויל מען אויסמיידן מאלדאווא, און אויסמיידן דאס דארפן אריבערגיין נאך א גרעניץ, קען מען פארן א לענגערע וועג בלויז אין די אוקריינעשע טעריטאריע. דער וועג געדויערט 11 שעה מיט א קאר, און 12 שעה מיט א באס.

די פראבלעם פונעם עירפארט אין יאס, רומעניע איז, אז דער עירפארט איז זייער קליין, און איז נישט געאייגנט פאר אסאך מענטשן, ווי אויך איז שווער צוצושטעלן טראנפארטאציע פון דארט.

2) נאך א נאנטע עירפארט צו אומאן איז אין **קישינוב, מאלדאווא.** דער וועג נעמט ארום 8 שעה מיט א קאר, אדער 12 שעה מיט א באס - חוץ פון די צייט ביים גרעניץ. (דער וועג נעמט אזוי לאנג, טראץ וואס עס גאנץ נאנט צו אומאן, צוליב וואס מען דארף ארומפארן די גאנצע "טראנסניסטריע" טעריטאריע פון מאלדאווע)

אנקומען אין מאלדאווע איז אבער אויך פראבלאמאטיש, מאלדאווע איז אן אומסטאבילע און פרימיטיווע לאנד, די שאסייען זענען נישט געבויעט פאר די געברויכן פון אזויפיל מענטשן, די אינפראסטראקטור איז אלט און צעפאלן, די ראודס זענען צעהאקט, ווי אויך האבן אסאך אידן געהאט פראבלעמען ביים מאלדאווע גרעניץ אין די לעצטע חדשים. מיט דעם אלעם האפן מיר מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף צוצושטעלן טראנפארטאציע אויך פון דארט.

3) נאך אן אפציע (רעקעמאנדירט דורך אונז) זענען די **עירפארטס אין פוילן.** די פוילישע עירפארטס זענען דאס מערסטע צוגעפאסט צו קענען אקאמאדירן אסאך מענטשן בעז"ה, אויך איז דא דארט א באקוועמע באן סיסטעם אריין קיין אוקריינא, וואס מיר ארבעטן שווער צוצושטעלן דורך די באן א געשמאקע וועג קיין אומאן לתועלת הציבור. מער אינפארמאציע דערוועגן וועט אי"ה נאכפאלגן.

די נענטסטע עירפארט אין פוילן צו אומאן איז **ריישא**, פון דארט נעמט די וועג 9 שעה מיט קאר אדער 16 שעה מיט א באס (חוץ די צייט ביים גרעניץ - מיט א באן וועט עס געדויערן אי"ה אסאך שנעלער).

אביסל ווייטער זענען די עירפארטס אין **קראקע** אדער **לובלין**, פוןביידע נעמט די וועג ארום 12 שעה מיט קאר אדער 17 שעה מיט באס (חוץ די צייט ביים גרעניץ).

דערנאך איז דא דער גרויסער עירפארט אין פוילנ'ס הויפטשטאט **ווארשע**, וואס איז ארום נאך איין שעה ווייטער.

4) עירפארטס אין **אנדערע ארומיגע לענדער:**

**בודאפעסט, אונגארן**; מיט דירעקט פלייטס פון ניו יארק. די וועג קיין אומאן פון דארט נעמט 14 שעה מיט קאר אדער 20 שעה מיט א באס. (חוץ די צייט ביים גרעניץ).

**ווין, עסטרייך**; אויך דירעקט פלייטס פון ניו יארק. די וועג פון דארט נעמט 16 שעה מיט קאר, אדער 25 שעה מיט א באס (חוץ די צייט ביים גרעניץ).

**סלאוואקיע** האט א קליינע עירפארט אין שטאט **קאשוי** וואס געדויערט 13 שעה מיט א קאר און 17 שעה מיט א באס. (חוץ די צייט ביים גרעניץ).

פלען איט רייט וויל קלארשטעלן אז זיי זענען דא בלויז צוצושטעלן טראנספארטאציע און אינפארמאציע. אבער דער באשלוס אריינצוגיין אין א לאנד אין א מלחמה צושטאנד איז אויף אייער אייגענע אחריות. כאטש די געגנטער וואס מיר דארפן דורכפארן זענען נישט ממש אין די מלחמה זאנע, זענען זיי פארט אין א לאנד וואס איז יעצט אין א מלחמה צושטאנד.

**פאלגענד זענען די אפציעס פון די סערוויסעס וואס מיר שטעלן צו דאס יאר:**

1) מיר וועלן פארקויפן נאר איינצעלע טיקעטס צו פארשידענע עירפארט אין די ארומיגע לענדער (נישט קיין גרופ טיקעט).

ביי דעם קענען מיר נישט גאראנטירן די טראנפארטאציע אנצוקומען צום עירפארט; און מען דארף געדענקען אז היינט זענען רוב טיקעטס "נישט ריפאנדעבל", (אלע קאוויד ריפאנד פאליסיס זענען שוין עקספייערט, און דערפאר וועט די טרעוול אינשורענס וועט נישט דעקן א נייע טיקעס אין פאל מען פארפאסט די פליגער). ווי אויך דארף מען געדענקען אז די געזעצן אריינצוגיין אין די לענדער האלטן זיך אין איין טוישן.

2) בעזר השם וועלן מיר היי יאר אויך צושטעלן א דירעקט טשארטער פלייט קיין ריישא מיט טראנפארטאציע פונעם עירפארט קיין אומאן דורך א באקוועמע באן, מיט בעטן, עסן וכדו'. דער באן איז נאכנישט באשטעטיגט אבער מיר האפן עס צו באשטעטיגן אי"ה אין די קומענדיגע צוויי וואכן.

אויב די סיטואציע וועט זיך טוישן, וועלן מיר מעגליך טוישן די טשארטער קיין קישינוב, מאלדאווא (אדער גאר קיין אוקריינע) מיט באסעס קיין אומאן.

3) מיר וועלן בעז"ה פארקויפן "גרופ-טיקעטס" צו איינע פון די עירפארטס אין די ארומיגע לענדער, מיט טראנספארטאציע פון דארט קיין אומאן פאר א מינאמאלע אפצאל. (די אפציע וועט זיין גרייט אי"ה אין צוויי וואכן ארום).

**וויכטיג צו געדענקען פאר די וואס ווילן זיין צוריק אויף מיטוואך צום גדליה:**

מיר פרובירן צו ארבעטן אויף די בעסטע אופנים צו קענען צושטעלן די בעסטע וועגן פון און צוריק צום לופטפעלד, מיר קענען אבער נישט נעמען דעם אחריות דערויף. דאס הייסט, אז אפילו מיר שטעלן צו די טראנפארטאציע, איז מעגליך אז די וועג וועט נעמען לענגער, אדער מען קען ווערן אויפגעהאלטן ביים גרעניץ, און עס איז נישט מעגליך מיר זאל פארזיכערן אז איר וועט קענען כאפן אייער פליגער באצייטענס. און מיר וועלן נישט באצאלן פאר פרישע טיקעטס. מיר קענען בלויז נעמען אחריות אויף די טשארטער, וואס דארט האבן מיר די מעגליכקייט בעז"ה אויפצוהאלטן דעם פליגער אויב מען זעט אז די וועג אדער דער דורכגאנג ביים גרעניץ געדויערט לענגער ווי ערווארטעט. מיר ראטן דערפאר צו נעמען לכתחילה א פליגער אויף דאנערשטאג, אויב איר נעמט נישט דעם טשארטער. (נעמט אין אכט: אז עס וועט זיין זייער שווער צו כאפן א פרישע פליגער, אויב איר פארפאסט אייער פליגער מיטוואך, צוליב די ווייניג פליגערס וואס פליען).

ביז דא איז די מעלדונג פון "פלען איט רייט" מיט די פילע דעטאלן און אפציעס וואס זיי האבן ארויסגעשטעלט, פון וואס יעדער קען זיך אויסוועלן די אפציע וואס איז אים דאס מערסטע צוגעפאסט. מיר האפן בעז"ה צו האלטן אינפארמירט אנשי שלומינו מיט סיי וועלכע אפדעיטס בנוגע דעם רבינ'ס ראש השנה אין אומאן.

ווי שוין באריכטעט גייט ווייטער אן די בוי ארבעט ביים בנין פון אנשי שלומינו אין אומאן, און מיט פילע תפילות וועט דער אייבערשטער העלפן אז אויך היי יאר וועלן מיר זוכה זיין צו זיין ביים רבינ'ס ציון אויף ראש השנה, און אויספועל'ן א גוט יאר.

**מי יתן לי אבר כיונה, אעופה ציון הקדוש אומנה!**

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# מֶעג מֶען בְּרֶענְגֶען אַ הוּנְטֶל אִין שׁוּל?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ וואוֹין אִין ... , אִיךְ דַאוֶנְען אִין אַ שׁוּל נֶעבְּן מַיין הוֹיז, דָארְט דַאוֶנֶען פֵיינֶע חֲסִידִישֶׁע אִינְגֶעלַייט, זֵייעֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע שׁוּל, וִוי אוֹיךְ קוּמְט דָארְט אָן דִי בְּרֶסְלֶב'עֶ גִּלְיוֹנוֹת יֶעדֶע וָואךְ אוּן מֶען הָאט זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דֶעם.

אַפָּאר אִינְגֶעלַייט בְּרֶענְגֶען מִיט אִין שׁוּל אַ קְלֵיין הוּנְטֶל פוּנְדֶערְהֵיים, מִיטְ'ן צִיל צוּ הַאלְטְן רוּאִיג דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, זֵיי זָאלְן שְׁפִּילְן מִיטְ'ן הוּנְטֶל אוּן נִישְׁט שְׁטֶערְן דָאס דַאוֶוענֶען, וִויל אִיךְ וִויסְן אוֹיבּ דָאס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם. עֶס שְׁטֶערְט נִישְׁט דָאס דַאוֶוענֶען, עֶס אִיז נָאר צוּ הַאלְטְן דִי קִינְדֶער פַארְנוּמֶען.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי דְרָשׁוֹת, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ מְחַיֶ'.

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ט' סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֵיי נִישְׁט דַאוֶוענֶען אִין אַזַא שׁוּל, עֶנְדֶערְשׁ דַאוֶוען אִין שְׁטוּבּ בִּיחִידוּת; מֶען גֵייט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען צוּ מְעוֹרֵר זַיין רַחֲמִים בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט צוּ מְעוֹרֵר זַיין דִינִים. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת דִין, סִימָן צב): "מִי שֶׁמְּגַדֵּל כֶּלֶב, מְעוֹרֵר דִין", וֶוער עֶס צִיט אוֹיף אַ הוּנְט - בְּרֶענְגְט דִינִים; מִיר וִוילְן דָאךְ אַוֶועקְנֶעמֶען דִי דִינִים.

מֶען גֵייט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען צוּ מַמְשִׁיךְ זַיין חֲסָדִים פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ הוּנְט בְּרֶענְגְט דָאס פַארְקֶערְטֶע פוּן חֲסָדִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת סג): "כָּל הַמְגַדֵּל כֶּלֶב רַע בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ", וֶוער עֶס צִיט אוֹיף אַ הוּנְט בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, "מוֹנֵעַ חֶסֶד מִתּוֹךְ בֵּיתוֹ", נֶעמְט אַוֶועק חֲסָדִים פוּן זִיךְ; מִיר וִוילְן דָאךְ נָאר חֲסָדִים, מִיר וִוילְן נָאר גוּטְס.

מֶען גֵייט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען צוּם הֵייליִגְן בַּאשֶׁעפֶער אַוֶועקְצוּנֶעמֶען טוּמְאָה, נִישְׁט צוּ בְּרֶענְגֶען טוּמְאָה. דֶער הֵייליִגֶער מְגַלֶּה עֲמֻקּוֹת (פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב) זָאגְט: "כֶּלֶב רַע" בַּאטְרֶעפְט 322, אַזוֹי וִוי "מֶרְכָּבָה טְמֵאָה"; וָואס פֶעלְט דִיר אוֹיס צוּ גֵיין אִין אַ פְּלַאץ וָואס מֶען בְּרֶענְגְט טוּמְאָה.

גֶעבּ נִישְׁט צוּ שְׁפִּילְן דַיינֶע קִינְדֶער מִיט הוּנְט, בְּרֶענְג אַרַיין אִין זֵיי אַ פַּחַד, זֵיי זָאלְן מוֹרָא הָאבְּן אוּן זִיךְ עֶקְלֶען פוּן הוּנְט.

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען דַאוֶוענֶען וֶוען מֶען כַאפְּט אָן אַ הוּנְט, מֶען וֶוערְט דָאךְ טָמֵא יֶעדֶעס מָאל מֶען רִירְט אָן אַ הוּנְט! מוֹהֲרַ"אשׁ זָאגְט (אֲשֶׁר בְּנַחַל חֵלֶק כ, מִכְתָּב ב' תתקנד): "אֲפִילוּ עַל פִּי הֲלָכָה דַארְף מֶען נִישְׁט וַואשְׁן דִי הֶענְט וֶוען מֶען כַאפְּט אָן בַּעֲלֵי חַיִּים טְמֵאִים, דָאךְ פִּירְן זִיךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן אַז וֶוען מֶען כַאפְּט אָן אַ הוּנְט אָדֶער אַ קַאץ וְכַדוֹמֶה, וַואשְׁט מֶען זִיךְ דִי הֶענְט"; מוֹהֲרָ"אשׁ בְּרֶענְגְט פוּן סֵפֶר יָפֶה לַלֵּב (חֵלֶק א' סִימָן ד, סָעִיף קָטָן כד): "מִי שֶׁנּוֹגֵעַ בְּגוֹי אוֹ בְּיִשְׂרָאֵל מוּמָר שֶׁהֵם בְּחַיֵּיהֶם כְּמֵתִים", וֶוער עֶס רִירְט אָן אַ גוֹי אָדֶער אַ גֶעפַאלֶענֶער אִיד וָואס זֵיי זֶענֶען בַּיים לֶעבְּן אַזוֹי וִוי טוֹיטֶע מֶענְטְשְׁן, "שֶׁצָּרִיךְ נְטִילַת יָדַיִם", אַז מֶען דַארְף זִיךְ וַואשְׁן דִי הֶענְט, "וְהוּא הַדִּין בְּמִי שֶׁנָּגַע בְּבַעֲלֵי חַיִּים טְמֵאִים", אַזוֹי אוֹיךְ

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

וֶוער עֶס רִירְט אָן בַּעֲלֵי חַיִּים טְמֵאִים.

אִיךְ הָאבּ אַזוֹי רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מַיין הַארְץ גֵייט אוֹיס פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער; אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחוֹת אַנְטְלוֹיפְן פוּן זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה, מֶען זוּכְט גְלִיקְן, אוּן וֶוען מֶען זֶעט וִוי דִי שְׁכֵנִים לֶעבְּן, הוֹיבְּט מֶען זֵיי אָן נָאכְמַאכְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, נָאכְדֶעם פַארְלִירְט מֶען דִי דוֹרוֹת.

גֶעבּ אַכְטוּנְג וואוּ דוּ וואוֹינְסְט, גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיינֶע קִינְדֶער; אַ אִיד וֶוען עֶר זוּכְט אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ וואוֹינֶען קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף דִי פְּרַייז אוּן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע הוֹיז, קוֹדֶם קוּקְט מֶען עֶס זָאל זַיין אַ גוּטֶע מוֹסָד פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן פַאר אַן עֶרְלִיכֶע שׁוּל, מִיט אַן עֶרְלִיכֶער רָב, נָאכְדֶעם קוּקְט מֶען אוֹיף דִי פְּרַייז אוּן אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע הוֹיז.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, מִיר אַלֶע זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּנֶעם גְרוֹיסְן גָלוּת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נָשֹׂא תשפ"ב)

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **זלמן וויזל** הי"ו

**צו זיין שידוך שליסן עב"ג למזל טוב**

***

מו"ה **יצחק שמואל פרענקל** הי"ו

**גבאי ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים**

**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למז"ט**

הבחור **שמעון** נ"י

***

מו"ה **יצחק אפלבוים** הי"ו

**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למז"ט**

הבחור **יוסף** נ"י

***

מו"ה **יואל מענדלאוויטש** הי"ו

**צו די אפשערן פון זיין זון אליעזר שלמה נ"י**

***

מו"ה **דוד ראבינאוויטש** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **אשר יעקב בלום** הי"ו

**אדמיניסטראטאר קרן הדפסה היכל הקודש**

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

ר' אשר יעקב געבט זיך אפ מיט א זעלטענע געטריישאפט און מסירות נפש אנפירנדיג די אמונה פאבריק "קרן הדפסה היכל הקודש", וואס געבט ארויס טעגליך פון ספרים און קונטרסים, ביז סידו"ס און יו עס בי"ס, און אלעס אינדערמיט, ווי אויך וועכנטליך די פילע גליונות און קונטרסים להחיות בהם נפש כל חי, ובפרט דעם וועכנטליכן גליון היכל הקודש. זאל דער אייבערשטער העלפן אז די גרויסע זכותים זאלן אים ביישטיין, ער זאל זען פיל אידיש נחת געזונטערהייט, פרנסה בשפע, דורות ישרים ומבורכים.

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# גרויס ענטוזיאזם אינעם "אנשי חיל" קאמפיין

די וואך גייט אן דער יערליכער קאמפיין פאר די הייליגע ישיבה און מוסדות "היכל הקודש", מיט'ן נאמען "אנשי חיל". פילע אנשי שלומינו האבן זיך אונטערגענומען א ציל ארייצוברענגען א שיינע סכום פון קרובים און באקאנטע, און ברוך ה' קאמפיין ווערט געקרוינט מיט סוקסעס, אנשי שלומינו זענען מכיר טובה פאר אלע גוטע זאכן וואס מען באקומט טאג טעגליך דורך די הייליגע מוסדות, און שטרענגען זיך אן מיט אלע כוחות אנצוקומען צום ציל.

דער קאמפיין וועט לויפן אי"ה ביז זונטאג, און מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט יעדער אן אויסנאם אנקומען צו זיין ציל אינעם קאמפיין. ווי באקאנט האט מען דאס יאר זיך מער פארלייגט אז יעדער זאל נעמען נאר א ציל וועט ער קען אויספירן, נישט צו נעמען אויף זיך אן התחייבות מער פון די יכולת, און דעריבער איז ערווארטעט אז יעדער אן אויסנאם פון די "אנשי חיל" וועט אנפילן זיין ציל וואס ער האט זיך אונטערגענומען.

עס דארף באטאנט ווערן אז די הייליגע מוסדות שטייען יעצט אין א גאר קריטישע מאמענט, מען דארף יעצט גאר נויטיג האבן פרישע בנינים אין אלע חלקים פון די קהלה און די מוסדות, מען בויעט יעצט פרישע מקוואות טהרה, בתי מדרשים, חדרים פאר אינגלעך, מיידל שולעס, און פילע אנדערע געברויכן פאר די הייליגע קהלה. דער ראש ישיבה שליט"א בעט נישט מען זאל געבן פון די אייגענע געלט, ער בעט מען זאל רופן די קרובים און באקאנטע זיי זאלן צושטייער געבן.

אין די פארגאנגענע יארן האט מען געזען ווי אנשי שלומינו האבן זיך איבערגעגעבן און אויפגעטריבן גאר שיינע סכומים, מען האט געזען ווי רוב רובם אידן זענען מכיר טובה דעם ראש ישיבה און די הייליגע מוסדות, און ווארטן ארויס מען זאל זיי רופן, און האבן מיט גרויס ווארימקייט אויפגענומען די גבאי צדקה וואס האבן געבעטן מען זאל זיי העלפן צוזאם שטעלן דאס געלט וואס זיי האבן זיך אונטער גענומען.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף ערווארט מען אויך היי יאר מען זאל שטארק מצליח זיין מיט'ן קאמפיין, אנשי שלומינו וועלן ווידעראמאל געבן די געלעגנהייט פאר כלל ישראל צו נעמען א חלק אין דעם הייליגן אמונה פאבריק "היכל הקודש", וואס באלייכט די גאנצע וועלט מיט אירע הערליכע פעולות פון פארשפרייטן אמונה און חיזוק, פאר יעדן איד.

**צו מנדב זיין צום קאמפיין רופט "קול ברסלב" און דרוקט 8 - אדער אויף charidy.com/breslev**

***

# אלע בעטן שוין אויספארקויפט אינעם בנין אין אומאן

אויף די גרויסע נאכפראגע פון פילע אידן וואס ווילן נעמען א בעט אינעם בנין היכל הקודש אין אומאן אויף דעם קומענדיגן ראש השנה תשפ"ג הבעל"ט, ווילן מיר מעלדן אז עס איז מער נישטא צו באקומען קיין בעטן, אלע פלעצער זענען שוין ארויסגעדינגען.

**וויכטיגע מעלדונג פאר די אלע וואס האבן געגעבן א דעפאזיט פאר א בעט:** עס איז שוין דורך די לעצטע מינוט צו באצאלן דעם גאנצן באלאנס. די וואך, ראש חודש תמוז, וועט מען אי"ה צוריקגעבן די דעפאזיטס פאר די אלע וואס האבן נאכנישט אויסצאלט זייער גאנצע באלאנס.

פאר די אלע וועלכע האבן שוין יא אויסגעצאלט זייער באלאנס, וועלן מיר מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף פרובירן צוצושטעלן דעם שבת ויום טוב אין אומאן אויף א געשמאקע פארנעם. ווי באקאנט געפינט זיך אוקריינע יעצט אין א מלחמה צושטאנד, זאכן זענען פיל שווערער צו שאפן און ברענגען ווי א געווענליכע יאר. געוויסע ווייטערע שטעט וואס זענען יעצט אויפ'ן פראנט פון די מלחמה, זענען די פלעצער פון וואו מען פלעגט ברענגען פילע נויטיגע געברויכן און יעצט קען מען גארנישט באקומען פון דארט. מיר זענען מתפלל און מיר זענען זיך משתדל דאס מערסטע וואס מעגליך אז אלעס זאל זיין צוגעשטעלט על צד היותר טוב צו יעדנ'ס צופרידנהייט.

**ראש השנה שלי עולה על הכל!**

***

# די פארשידענע אפציעס ווי אזוי אנצוקומען קיין אומאן אויף ראש השנה תשפ"ג הבעל"ט

### צוגעשטעלט דורך די בארימטע "פלען איט רייט" טראוועל אגענטור 845-678-3555

מיט גרויס התרגשות גרייטן זיך אנשי שלומינו צום קומענדיגן ראש השנה הבעל"ט. טראצדעם וואס מען האלט אין אזא אומזיכערע צייט, לענדער שלאגן זיך ארום איינע מיט די אנדערע, ציעט אבער יעדנ'ס הארץ און קען נישט אויפהערן בענקען צו זיין ביים הייליגן רבי'ן אין אומאן אויפ'ן קומענדיגן ראש השנה. אנשי שלומינו בעטן ביים אייבערשטן זוכה צו זיין מקיים צו זיין דעם רבינ'ס בקשה "קיינער טאר נישט פעלן" און באקומען די אלע תיקונים וואס דער רבי האט צוגעזאגט פאר די וואס קומען צו זיין ציון. און ווי גרעסער די מניעות זענען, אלץ מער איז מען זוכה צו באקומען ביים הייליגן רבי'ן. אין די טעג קומט אריין די אלעמען באקאנטע "פלען איט רייט" וואס צייכנט זיך אויס מיט זייער גוטע סערוויס בכלל, און בפרט ווען עס קומט צו אומאן ראש השנה, גייען זיי נאך אסאך מער ארויס פון וועג, און טוען אלעס וואס נאר מעגליך צוצושטעלן וועגן פאר אנשי שלומינו צו קענען פארן צום רבי'ן. פאלגענד איז די מודעה וואס "פלען איט רייט" האט ארויסגעשטעלט:

היות מיר קענען נישט פאראויסזאגן אויב עס וועט זיך עפעס טוישן ביז ראש השנה, האבן מיר ארויסגעלייגט די פלענער לויט די יעצטיגע אומשטענדן. די ערשטע זאך דארף מען וויסן אז יעצט זענען אלע לופטפעלדער אין אוקריינע דערווייל פארשפארט, אבער די גרעניץ קיין אוקראינע איז נישט פארשפארט, מען קען אריינקומען מיט א קאר, טרעין, אדער באס, דערפאר לייגן מיר ארויס די אפציעס וואס מיר גייען בעז"ה צושטעלן צו קענען קיין אומאן אויף היי יאר ראש השנה תשפ"ג

1) דער נענטסטער עירפארט צו אומאן אינדרויסן פון אוקריינא (מיט א קאר) איז אין יאס, רומעניע, פון דארט קען מען

<<<<<<

## קנאה

**די שלעכטע מדה פון קנאה עסט אויף דעם מענטש, פארוואס גייט יענעם בעסער ווי מיר? ווי אזוי זעט מען זיך ארויס דערפון? איז דא אן עצה?**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 8, 2, 30**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >